קניידל
טעגליכע פּאָרציע נייעס.

זונטאג האזינו - ו' תשרי תשפ"ו | קניידל #512

קניידל אבזערוואציעס

נתניהו זאגט שטיצן פאלעסטינער שטאט פארשפרייט מעסעדזש: ערמארדן אידן צאלט זיך אויס

ניו יארק - דער מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו האט פרייטאג אפגעהאלטן א רעדע ביי דער יו-ען דזשענעראל אסעמבלי וואו ער האט שארף פארדאמט מערב-וועלט לענדער פארן אנערקענען א פאלעסטינער שטאט, און זיי באשולדיגט אין פארשפרייטן א מעסעדזש אז "ערמארדן אידן צאלט זיך אויס.

"דאס קומט נאך וואס די פירער פון פראנקרייך, בריטאניע, אויסטראליע, קאנאדע און אנדערע לענדער האבן געמאלדן אז זיי אנערקענען א פאלעסטינער שטאט.

צענדליגער דעלעגאטן זענען ארויס פון זאל ווען נתניהו האט אנגעהויבן זיין רעדע. אין דעם זעלבן צייט האבן טויזנטער פרא-פאלעסטינער פראטעסטירער בלאקירט דעם פארקער ארום טיימס סקוועיר אין מאנהעטן.

די איי.די.עף. האט אויך געשטעלט הויך-הילכערס ארום עזה צו בראודקעסטן לעבעדיג די רעדע פון נתניהו, מיטן האפענונג אז די פארבליבענע משכונות וועלן הערן זיין צוזאג אז זיין רעגירונג וועט נישט רוען ביז זיי וועלן באפרייט ווערן.

קרעמלין ווארנט נאטא לענדער קעגן אראפשיסן רוסישע מיליטערישע פליגער

רוסלאנד - דער קרעמלין ווארטזאגער דמיטרי פעסקאוו איז ארויסגעקומען מיט שארפע ווערטער קעגן נאטא לענדער וואס זענען לויט באריכטן פארמישט אין געשפרעכן איבער אראפשיסן רוסישע מיליטערישע פליגער וואס פארלעצן לופט-רוימען פון אליאנץ מיטגלידער.

"די געשפרעכן איבער אראפשיסן רוסישער פליגער זענען אומבאטראכטליך, אומפאראנטווארטליך, און, פארשטייט זיך, עס וועט קומען מיט גאר שווערע קאנסעקווענצן," האט פעסקאוו געזאגט, און דערביי אויך געלייקנט די באשולדיגונגען אז אירע פליגער האבן אריינגעדרינגען אין די לופט-רוימען פון עסטאניע.

טראמפ ווארנט ווידער איבער טיילענאל און אוטיזם פארבינדונג

פרעזידענט טראמפ האט דעם פרייטאג ווידער געווארנט אין א סאציאלע מידיע מעסעדזש אז יונגע קינדער און פרויען אין געוויסע אומשטענדן זאלן זיך צוריקהאלטן פון נוצן טיילענאל אלס מיטל צו בארוהיגן ווייטאג.

דאס קומט נאך א קאנטראווערסיאלע פרעסע קאנפערענץ אין די ווייסן הויז מאנטאג, ווען טראמפ האט פארבונדן אוטיזם מיט קינדער וואקסינען און דאס נעמען טיילענאל דורך פרויען אין אומשטענדן.

פילע מעדיצינישער גרופעס זאגן אז טראמפס באשולדיגונגען איז נישט באזירט אויף וויסנשאפטליכע באווייזן און באטאנען אז טיילענאל איז פארזיכערט צום באנוץ און אפעקטיוו.

יערליכן מעמד השבה דורך נקי כפים!

'דרוקט דא' זיך צו מיטכאפן מיטן טויזנטע וועלכע טרעטן אריין צום יום הדין מיט ריינע הענט

קניידל ביסן

וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ האט געמאלדן ברייטע נייע אימפארטן טאריפס, אריינגערעכנט 100% שטייערן אויף א צאל מעדיצינען און 35% שטייערן אויף טראקס, אנבערענגענדיג פרישע צומישעניש צווישן אינוועסטירער נאך א קורצע צייט וואס די מארקעט איז געווען רוהיג.



וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ האט געזאגט פאר רעפארטערס אז ער איז נאנט צו דערגרייכן אן אפמאך צו ענדיגן דעם קריג אין עזה און באפרייען די משכונות. טראמפ וועט זיך מארגן מאנטאג טרעפן מיטן מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו אין דעם ווייסן הויז וואו זיי וועלן דיסקוסירן דעם אפמאך, האט א ווייסן הויז באאמטער געמאלדן.

וואשינגטאן - די טראנספארטאציע דעפארטמענט האט געמאלדן אז זי שטעלט ארויס אן עמערדזשענסי רעגולאציע צו דראסטיש באגרענצן קאמערציאלע דרייווער לייסענס צו נישט-אמעריקאנער בירגער נישט לאנג נאך וואס אן אומלעגאלע אימיגראנט מיט לייסענס פון קאליפארניע האט פאראורזאכט אן עקסידענט אין פלארידע אומברענגענדיג דריי מענטשן.

בחנם -התרת קללות Click here

'דרוקט דא' צו רעזערווירן דיין עד

פינאנציעלע קניידל

'קאור' פי-סי-אי אינפלאציע האלט זיך ביי 2.9% אין אוגוסט, ווי ערווארטעט

די 'קאור' פי-סי-אי אינפלאציע אינדעקס, וועלכע ווערט באטראכט דורך די פעדעראלע רעזערוו אלס די מערסט אקוראטע אינפלאציע שאצונג, צייגט אז פרייזן האבן זיך געהויבן אין חודש אוגוסט מיט 0.2%, ברענגענדיג די יערליכע אינפלאציע ראטע צו 2.9% - פונקט ווי עקאנאמיסטן האבן פאראויסגעשאצט.

די קאמערץ דעפארטמענט באריכט צייגט אז די גענעראלע פי-סי-אי אינדעקס איז געשטיגן דעם פארגאנגענעם חודש מיט 0.3%, צו א יערליכע אינפלאציע ראטע פון 2.7%.

דער בריטישער רעגירונג וועט שטיצן דזשעגואר און לענד ראווער מיט א $2 ביליאן הלוואה צו העלפן דער לוקסעריעזע אויטא פאבריקאנט זיך צו שטעלן אויף די פיס נאך וואס עס האט געליטן א מאסיווע סייבער אטאקע. די אויטא פאבריקאנט פארמאגט דריי פאבריקן וואו עס ווערן איניינעם פראדוצירט ארום 1,000 אויטאס פער טאג און עס ארבעטן דארט פילע איינוואוינער ארום בירמינגהעם, ענגלאנד'ס צווייט גרעסטע שטאט.

דיבורים נפלאים ומרגשים שנאמרו בתוך דרשת יום א' סליחות תשכ"ח

ומתאימים מאד לתקופתנו הקשה הזאת

רבינו הקדוש והטהור, לבם ואוהבם של ישראל, מרן הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע ועכי"א

עומד ומתדיין כלפי שמים, וטוען להקב"ה
שכלל ישראל איננו יכול לשוב בתשובה
בעוד הם שרויים בצרתם וסבוכים במצוקתם,
ורק כאשר אבינו אב הרחמן יחלצנו ממיצר
וישפיע לנו כל טוב ויגאלנו בגאולת עולם
נוכל לשוב בתשובה שלימה לפניו.

נ.ב. להשיג שאר הקלטות, ווידיאו'ס, מד"ת של רבינו מצאנז קלויזענבורג זי"ע, שנערכו וי"ל על ידינו נא לשלוח אימייל לכתובת: באוצר החיים:

oitzerchaim@gmail.com

צו זעהן קליקט דא (23 מינוט)

קורצע שטיקל
צו זעהן קליקט דא (6 מינוט)

געזונטע קניידל

עסטראזענעקא וועט דראסטיש שניידן פרייזן פאר אמעריקאנער פאציענטן

דער מעדיצין פאבריקאנט עסטראזענעקא האט געמאלדן אז זי וועט פארקירצן איר צוקער-קרענק און אסטמא מעדיצינען פאר אמעריקאנער פאציענטן פאר אזוי פיל ווי 70% וויניגער ווי די אריגינעלע פרייז, די לעצטע פון א רייע פארמעסויטיקל פירמעס דאס צו טון נאך דרוק פון פרעזידענט טראמפ.

די פירמע וועט שיקן די מעדיצינען דירעקט צו די פאציענטן'ס היימען, אויסמיידנדיג אפטייקן וואס נעמען אראפ א פעטע פראצענט.

לאקאלע קניידל

ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס מעלדט נייע 15 מייל פער שעה ספיד לימיט פאר עלעקטערישע ביציקלעך

ניו יארק סיטי - מעיאר עריק עדעמס האט געמאלדן איבער א נייע 15 מייל פער שעה ספיד לימיט פאר עלעקטערישע ביציקלעך וואס וועט אריין אין קראפט דעם אקטאבער 24 אין אלע פינף בוראס.

"די נייע 15 מייל פער שעה ספיד לימיט פאר עלעקטערישע ביציקלעך וועט האלטן ניו יארקער פארזיכערט," האט מעיאר עדעמס געזאגט, צולייגנדיג אז דאס איז דאס זעלבע ספיד לימיט פאר ביציקלעך וואס אנדערע לענדער האבן איינגעשטעלט, אריינגערעכנט די אייראפעאישער פאראיין.

אידישע קניידל

בארויבטע טשעכישע ווילע וועט ווערן אידישע קולטור צענטער

א מאיעסטעטישע ווילע אין טשעכיי וואס איז בארויבט געווארן פון איר אידישער אייגנטומער ביים צווייטן וועלט קריג וועט אצינד ווידער געווידמעט ווערן פאר א נייע אידישע קולטור צענטער.

ווילע 'וויטאל', וואס שטייט מיט פראכט אויף 32-אקער לאנד ביים שפיץ פון א בארג אין שטאט בארנא, איז געבויט געווארן דורך דער בארימטער אידישער ארכיטעקט היינריך בלום. ארומיגע איינוואוינער האבן דאס אקופירט אין 1932, און ביזן היינטיגן טאג איז דאס געווען אונטער נישט-אידישע הערשאפט.

אצינד איז דאס רענאווירט געווארן דורך אן אידישער ארגאניזאציע וואס וועט צושטעלן אויפן אָרט א כשרע קאפע און העברעאישע שפראך לעקציעס, אזוי אויך דאקומענטאציעס איבער די טראגישע געשיכטע פון די טשעכישע אידן.